בעזרת השי"ת

# אור עינינו

**עיני** תמיד אל ה', כי הוא יוצא מ**רש"ת** רגלי
(תהילים כ"ה ט"ו)

גליון ט'

חודש אדר
תשע"ה לפ"ק

א **ליכטיגקייט** פון התחזקות, התעוררות, עצות, פראקטיק, איבערן ענין פון **טעכנאלאגיע** און **שמירת עינים**

## עיני צדיקים

### דער צדיק איז מרגיש די קוק אויפן גוי

א איד פלעגט פארן מיט זיינע צוויי קינדער צום הייליגען אפטא רב זי"ע. זיינע קינדער זענען געבענטשט געווארן מיט זייער שיינע שטימעס, פלעגט זיי די הייליגער אפטער רב מכבד זיין צו זינגען שבת ביים סעודה.

איינמאל ווען זיי זענען געקומען אויף א שבת האט דער אפטא רב זיי בכלל נישט מכבד געווען דורכאויס דעם גאנצן שבת. עס איז געווען זייער אינטערסאנט פאר אלע אידן וואס זענען געווען געוואוינט אז די רבי איז זיי מכבד מיט א זמר.

נאך שבת ווען זיי זענען אריין זיך געזעגענען פונעם צדיק, האט די טאטע געפרעגט, "פארוואס האט דער רבי נישט מכבד געווען מיינע קינדער צו זינגען ווי געווענטליך?"

האט די הייליגע רבי זי"ע געפרעגט די טאטע, "ווי ביזטו געווען פאריגע וואך?", האט די טאטע געזאגט אז ער איז געווען ביים פריץ מיט זיינע קינדער, און ווען דער טאטע האט גערעדט צום פריץ האבן די קינדער אריינגעקוקט און א ביכל און געזעהן בילדער שאין רוח חכמים נוחה הימנו... האט די רבי געזאגט וועגן דעם האב איך נישט געקענט קוקן אויף זיי...

און דער הייליגער בית אברהם זי"ע פלעגט פארציילן די מעשה, און ער האט געזאגט, אז עס איז א מצוה צו פארציילן די מעשה. (שיח זקנים, חלק שישי)

## עין המחשבה

# "א ריק מיטן פינגער"




הונדערטער, טויזנטער צו זאַגער צענדליגער טויזענטער דרשות, מאמרים זענען געזאגט\געשריבן געווארן דורך רבנים, ראשי ישיבה און אדמורי"ם, דעריבער קען זיך פרעגן פעלט טאקע אויס פרישע מאמרים? און אויב יא במקום אזעלכע גדולים ווי פּאַסן מיר אריין?

מען דארף אבער זיין לייכטזיניג נישט צו דערהערן דעם "חזרה רוף" פון גדולי ישראל, וועלכע האבן "במעשה רב" - מיט אזויפיל כנסיית - אראפ געשטעלט אן הוראה אז - יא - דאס איז דער וועג. זיי האבן אונז געלערענט א יסוד אז דער ענין דארף מען חזר'ן איינמאל און נאכאמאל. נישט נאכלאזן, נאר מאנען און מעודד זיין זיך און דעם ציבור צוגלייך, אזויווי דער בעל מסילת ישרים שרייבט אינעם הקדמה....

דאסמאל לאמיר הערן דעם בליק פון א זקן, א איד וועלכע איז אריבער די שבעה מדורי גיהנום אינטער די נאצי נעגל און צוריק אנגעפאנגען פון דאסניי אויפשטעלן דורות דאהי אין אמעריקא.

***

אינגאנצן איבערגענומען און באריכט קומט צי צו מיר א ידיד מיינער א ביזנעסמאן, וועלכע איז עוסק על המחיה ועל הכלכלה, דערציילענדיג א מעשה וואס מיט אים האט פאסירט.

דער אינגערמאן, וועם מיר וועלן רופן ר' יצחק, זעט מען שטענדיג ביים 7:30 מנין אין א חשוב'ן ביהמ"ד אין בארא פארק, וואו ער ציילט צווישן די טעגליכע מתפללים. אלץ ירא שמים לייגט ער אוועק דעם סעלפאון ביז נאכ'ן דאווענען, און הערשט דאן זעצט ער זיך אראפ אריין קוקן אינ'ם טעלעפאון צו זען אויב עס איז אנגעקומען א וויכטיגע מעסעדזש פאר זיין ביזנעס.

היינטיגן דינסטאג איז גארנישט געווען אנדערש ווי א געווענטליכן טאג. נאכ'ן צוזאמלייגן די טלית ותפילין זעצט זיך ר' יצחק אראפ אויפן ארט מיט'ן סעלפאון אין די האנט, ווערענדיג אריין געטון אין די לעצטע מעסעדזשעס, אבער פלוצלינג שפירט ער א קלאפ אין די פלייצע.

אן עלטערער איד, א בן תשעים, זעצט זיך צו נעבן אים אויפ'ן באנק, און פרעגט "איר האט אפשר עטליכע מינוט צייט?". ר' יצחק האט רעאגירט פאזיטיוו, זיך אויסגעדרייט זייטווערגס צו הערן וואס דער איד, דער זקן האט צו פארציילן.

דער איד הייבט אן פארציילן אזוי:

"ווי דו קענסט זיך אליינס פארשטעלן בין איך א איד א מלחמה איבערלעבער. בעפאר'ן קריג האב איך פארמאגט א פרוי מיט איין קינד א יאר אלט. דו קענסט זיך נישט פארשטעלן בעולם די וואגלנישן און ליידענישן וואס מיר זענען אריבער ביזן אנקומען צום טרויעריג בארימטן לאגער אוישוויץ."

"אנקומענדיג אהין האט מען אונז גלייך אראפ געטריבן פונ'ם באן און מיט משונה'דיגע קולות און קלעפ געטריבן צום אַפּעל פלאץ וואו עס האט זיך געטון א צומישעניש. דארט האט שוין געווארט אויף אונז דער טרויעריג בארימטער דאקטאר מענגעלע ימ"ש וזכרו שר"י,

> "וואס זאל איך דיר זאגן. ווען איך זע יעדן טאג ווי דו זיצט מיט אזא כלי און דו ווייזט מיט'ן פינגער "רעכטס" און ל"ע "לינקס" ברענגט עס מיר אויף קאשמארן פון אמאל. איך זע א קשר פון דעם כלי צו אושוויץ".

עמוד ג »

## חומר העון

### ההולך במחשבות זרות מתגלגל באשה

שמעתי בשם הרב הגאון מופת הדור הצדיק מו"ה נתן אדלער זלה"ה. דידוע מספרים הקדושים, מי שהוא הולך במחשבות של זנות חס ושלום, הוא מתגלגל אחרי כן באשה, על כן אמר הכתוב לא יהיה כלי גבר על אשה, כלי הוא לשון מחשבה, שלא יהיה מחשבתיו של גבר על אשה, על ידי זה ינצל שלא יצטרך להתגלגל באשה. (דברי יחזקאל כי תצא)

## שכר העין

### הקב"ה רוצה לעשות לך טובה!

יסוד היראה הוא הנסיון, כי עיקר היראה ניכרת בעת הנסיון, וכמו שניכרת היראה ביצר נשים כך ניכרת בכל מיני יצרים, [יראה אותיות ראי']. והקב"ה אינו מביא הכל בנסיון אלא כשמדבר לעשות טובה לאדם, בא השטן שהוא מידת הדין לפני הקב"ה **ואומר רבש"ע לא יתכן לעשות לו טובה עד שיעמוד בנסיון**.
(ספר חסידים סי' י"ג)

לע"נ מרת **ברכה** בת הגה"צ רבי **ישכר** ז"ל דומ"ץ זשיקוב, נפטרה כ"א אדר - נתנדב ע"י נכדה הרה"ג רבי **יהושע נחמן בערגער** שליט"א, ר"י אהל תורה

לע"נ מו"ה ר' **ישכר** ב"ר **משה דוד** ע"ה
נתנדב ע"י בנו מו"ה ר' **משה דוד גאלדשטיין** הי"ו

# או"ר הלכה

א. אסור להסתכל בצורת אשה אפילו אינו בולטת, דהיינו תמונת אשה "פיקטשער בלע"ז"[א] דמביאו לידי הרהור, כי תואר אשה מצוירת מעורר לתאוה, ועובר על הלאו דונשמרתם מכל דבר רע.

ב. ולכן יראי הד' יזהרו שלא לתלות תמונת ממשפחתם שיש בה נשים, בחדר שבאים שם אנשים זרים, ויכשלו בראיות אסורת, ובוודאי שלא לתלות תמונות חתן וכלה, מנישואי צאצאיהם[ב].

ג. ואיסור הסתכלות אפילו היא מלבשת בצניעות, אבל אם היא אינה מלבשת בצניעות, אסור אע"פ שאינה מכירה[ג].

ד. וכהיום כל המאגעזינען הם מלא תמונות תועבת ואסור להסתכל עליהם ואסור להכניסם בבית ישראל שלא ליכשל בהם הוא בניו ובנותיו[ד].

ה. וטעלעוויזיאן או ווידיא וכדו', ובפרט כהיום עם הכלי סמארטפאון, הם בוודאי גרוע ביותר שרואים הכל באופן חי ממש וגורם להמשיך לב האדם וא"א להיפרד ממנו.

ו. ומי שרגיל לראות טעלעוויזיאן או לקראות בעיתונים המלאים תועבה הם בגדר פרוצים בזמן הזה [לגבי דיני יחוד ושאר הלכות] דנלקה אצלם הרגש של יצרא דעריות[ה].

א. שו"ת נחלת בנימין (סי' כ"ו), אוצר הפוסקים (סי' כ"א ס"ק ז', אות ג' וד'), שערים מצויינים בהלכה (סי' ח ס"ק ט), וע' שו"ת דברי מלכיאל (ח"ג סי' נח) בסוף התשובה שהאריך בענין פיקטשערס, וסיים בזה"ל ועבירה גוררת עבירה כי ע"ז גורמים הרבה הרהורי עבירה כי אצל כל אחד נמצאים צורת נשים ולא די ההסתכלות בנשים שנעשה כהיתר בעוה"ר אלא שמסתכלים בצורת נשים אף בחדרי חדרים בשעה שיוכלים להזהר מהסתכלות והרהורים.

ב. מחזה עינים (מחזה ד)

ג. שו"ת באר משה (ח"ד סי' קמז אות כא)

ד. קול קורא (משנת תשל"ח) וחתמו עליו הרבנים הגאונים מסאטמאר זצ"ל, צעהלים זצ"ל, פאפא זצ"ל, סיגעט זצ"ל, קראסנא זצ"ל, וויען זצ"ל, וואוידיסלאו זצ"ל.

ה. שו"ת שבט הלוי (חלק ה אבהע"ז סי' רב אות א)

ההלכות אלו נלקטים מספר ישראל קדושים ברשות המחבר שליט"א

# שלא תמות
## כדרך שמת פלוני...

אנדערע האבן פראבירט און זענען ליידער דורכגעפאלן,
לאמיר עס נישט פראבירן אויף אונזערע אייגענעביינער...

### א תלמיד חכם, א בעל כשרון, אן עובד אבער ליידער אויך אריינגעפאלן ה"י

...דער יצר הרע האט זיך נישט באגעניגענט מיט דעם, איז ער געקומען מיט א נייע המצאה, די מכשירי טומאה למיניהם, וואס טוען אריינקריכן אין לפני ולפנים, לפני ולפנים. מ'קען זיצנדיג אויפ'ן ארט.

איך וועל אייך זאגן נאר איין מעשה, עס איז געווען אין בני ברק א תלמיד חכם, א יונגער, גאר א גרויסער בעל כשרון, א ת"ח אן עובד, אז אפילו ער איז געווען יונג, האט מען אים געגעבן סנדקאות אלס א חשוב'ער, ער האט געהאט שווערigkeiten... 

פונוואנען ווייס איך דאס? מען איז געקומען צו מיר בעטן אפשר קענסטו העלפן אביסל אויף פרנסה. מ'איז געקומען פון בני ברק קיין ירושלים. אכזרי!! עס הרג'עט אידישקייט? עס הרג'עט דעם מענטש!! לתאוה יבקש נפרד. ווער ס'גייט אין דעם איז ער נפרד פון אלעמען. נישט נאר אין זיין שמוץ! מען זעט אים נישט.

(מתוך דרשת המשגיח הגאון הצדיק רבי דן סגל שליט"א
אצל "כינוס כלל ישראל - הצלת הדורות" א' במדבר)

# ממעיני הישועה

ערציילונגן פון אידן וואס האבן געזעהן **ישועות ונפלאות** בזכות פון **שמירת עינים** און פון זיך היטן פון **טעכנאלאגיע שלא ע"פ תורה**.

» עמוד ד'

דער איד איז פונקט געווען אין ביהמ"ד ווען די אי-מעיל איז אריינגעקומען אויף זיין "איי-פאון" און ער האט אנגעהויבן צו וויינען - ממש ווי א קליין קינד, נישט אויסהאלטענדיג די צער און בושות. וואס וועט ער זאגן פאר זיינע חברים פון וועם ער האט אנגעבארגט אזויפיל?

גייט דארט אריבער א איד און זעענדיג דעם יונגערמאן אזוי בצער, האט ער אים געפרעגט וואס גייט פאר, און צו ער קען אים ארויסהעלפן מיט עפעס. דער יונגערמאן האט אים פארציילט די גאנצע פרשה, און זיין געפערליכע עגמת נפש - און דער איד זאגט אים - אז פונקט יענעם אינדערפרי האט ער געהערט ווי אפאר אידן שמועסן פון א מורא'דיגע זאך - אז אין קרית יואל איז דא א קבוצה פון קרוב צו פופציג יונגעלייט וואס זיצן טעגליך ביי א שיעור צוזאמען, און דער גאנצער ציבור האט איינגעטוישט זייערע "סמארט פאונס" אויף פשוטע בעסיק-פאונס - נאכדעם וואס דער חשוב'ער מגיד שיעור האט זיי פארציילט אז איינער, א נגיד, האט געדארפט שידוכים פאר זיינע קינדער, און ער האט אויפגעגעבן זיין סמארט פאון - און ביז א קורצע צייט איז זיין זון א חתן געווארן.

פירט דער איד אויס פאר דעם יונגערמאן אין ביהמ"ד - אפשר ביסטו זיך מקבל אויפצוגעבן דיין איי-פאון, און אין דעם זכות וועט דיר השי"ת העלפן?" דער יונגערמאן האט געטראכט צו זיך - אויב א קבוצה פון 50(!) יונגעלייט האבן געהאט די כח און שטארקקייט אויפצוגעבן זייערע סמארט פאונ'ס - דאן פארוואס זאל איך נישט קענען? - און תיכף ומיד, צוזאמען מיט דעם איד, איז דער יונגערמאן געגאנגען צום טעלעפאן געשעפט און מקיים געווען סור מרע ועשה טוב.

א קורצע צייט איז פארביי געגאנגען. אין א העלן טאג באקומט דער יונגערמאן אן אי-מעיל פון וואלמארט אז די סחורה וואס זיי האבן גענומען פון א צווייטן איז פעלערהאפטיג, און זיי ווילן יא איבערנעמען די סחורה פון אים. דער יונגערמאן האט זיי געענטפערט - אז פאר די פריערדיגע אפגעשמועסטע פרייז קען ער עס נישט פארקויפן ווייל ער האלט שוין אינמיטן א דיעל מיט א צווייטן, און ער וועט עס יעצט דארפן מבטל זיין, נאר ער מוז העכערן די פרייז, למעשה האט וואלמארט אים באצאלט די פולער פרייז וואס ער האט געבעטן - און דער יונגערמאן האט זייער שיין פארדינט פון דעם געשעפט, נאך פיל מער פון פריער.

ר' איד - עס ליגט א סגולה ביי דיר אין טאש - כי קרוב אליך הדבר מאד!

# התעוררות

## מען מיינט נישט מיך!!!

... איך האב געוואלט וויסן, אז ווען מ'רעדט פון די גוף פון א אידיש קינד דא אין אמעריקע טאמער עס וועט זיין נאר איין מעדעצין אדער איין מאכל וואס פון גאנץ אמעריקע ווי עס וואוינען מיליאנען מענטשן וועט נאר שטארבן איינער אדער צוויי, וועט יעדער איינער וויסן אז מ'וועט עס אראפנעמען פון אלע געשעפטן, אראפנעמען פון אלע שעלפס, עס וועט גארנישט בלייבן דערפון.

און טאמער דער מענטש האט געקויפט דער סארט מעדעצין אדער די סארט מאכל, וועט מען דען זאגן אז ס'איז נאר געשטארבן סך הכל פון אמעריקע איינס פון אפאר מיליאן??!! איך האב געוואלט זעהן צו ער וועט עס געבן פאר זיין אייגענע קינד? א מענטש זאל געבן א זאך פאר זיין קינד וואס איז איין פראצענט פון א מיליאן, מ'וואלט עס זיכער נישט געגעבן!

**אבער דא, מ'זאגט דיך דאך אז ס'איז א מזיק, ערליכע אידן שרייען מיר זעהן די חורבן, מיר זעהן נשמות ווערן פארברענט, עס טויג נישט. לאכט ער זיך אויס, ניין... וואס ווייסן זיי... פארוואס??!! מ'רעדט דאך נישט פון איינס פון א מיליאן, מ'רעדט מער פון איינס פון טויזנט רח"ל. ער גלייבט נישט! ער גלייבט נישט!**

עטס ווייסט וואס פארא חורבן אונז שטייען מיר?? דאס איז די גרעסטע זאך, אז ס'ברענט א פייער וועט יעדער איינער זעהן, ווייל מ'זעהט רויעך, ס'איז הייס, אבער א פייער וואס פארברענט א נשמה זעהט מען גארנישט.

א מענטש שטעלט אויף דורות, אהא... ברוך השם... איך האב קינדער... געוואלד!! וואס קינדער??!! וואס דורות??!! האסט פארברענט די נשמות!!!... א שטוב וואס דו האסט אליינס אוועקגעשטעלט, האסטו מיט דיינע אייגענע הענט אליינס אוועקגע'הרג'ט!!...

דאס איז די נסיון פון די היינטיגע דור, דער חורבן איז אז ס'איז א מצב פון אזעלכע כלי משחיתים, וואס א מענטש ליגט אין דעם אין תהום, אין שאול תחתית, וואס מ'קען עס אים נישט ווייזן רח"ל...

*

**"...יעדער איינער מיט די זעלבע געפילן מיין קינד וועט דאס נישט געשעהן, אבער מ'זאגט דיר נעבעך אז אזעלכע מענטשן ווי דיינע קינדער, אזעלכע אינגעלייט ווי דיר וואס שטייען אין א בעסערע מצב ווי דיר זענען אדורך געפאלן, ניין, ער וויל עס נישט הערן!"**

עס שטייען גדולי ישראל איבער די גאנצע וועלט מקצה העולם ועד קצה העולם און שרייען און יעדער זעהט דאך וואס ביי אים איז געשעהן, מען שרייט נישט בחנם, נישט בחנם מאכט מען אסיפות, מען וויינט נישט בחנם, ווילאנג ביי אים איז עס נישט געשעהן רעדט עס נישט צו אים!!

(מתוך דרשת הרה"ג ר' אליעזר בוים, מנהל ישיבת יגדיל תורה גור בכינוס מגן ומושיע שע"י ק"ק פאפא ב' בה"ב)



לע"נ מו"ה ר' **יחזקאל** ב"ר **יהושע הלוי** ע"ה
לע"נ מו"ה ר' **משה יודא** ב"ר **אברהם יצחק** ע"ה - לע"נ מרת **שרה** ב"ר **יהושע מתתיהו** ע"ה

« עמוד א'

וועלכע האט מיט זיין פינגער געוויזן "לינקס" פאר די שוואכערע און "רעכטס" פאר די שטארקערע און מער געבויטע."

"וואס רעכטס און לינקס מיינט מוז איך דיר לכאורה נישט מסביר זיין. יעדע חדר אינגל ווייסט שוין היינטיגע צייטן וואס דאס האט באדייט (רעכטס האט געמיינט לעבן בלייבן און לינקס דאס פארקערטע), אבער כך הוה המעשה, אונז האבן נאך דעמאלטס נישט געוויסט די פונקטליכע באדייט פון די פינגער געווייזאכץ."

"אלענפאלס, עס קומט אונזער רייע און פאר מיר [מער א געבויעטער] ווייזט דער רשע אויף רעכטס זאגענדיג "ארבייטען", און פאר מיין פרוי [מיט'ן קינד] זאגט ער שמוציגערהייט "שוואכע ארבייט"! איך וויל נאך געבן א פרעג "וואס איז די חילוק" אבער מען שטיפט מיר אהער און איר אהין. מיר זענען צוטיילט."

"איך וויל מיך רייסן די האר פון קאפ פארן צולאזן דאס זאל פאסירן, אבער וואס א טאג עס גייט פארביי ווער איך צוביסלעך געוואויר וואס עס מיינט "רעכטס און וואס מיינט ליידער "לינקס."

**"איך ווייס אז איך קען טראכטן, וואס אוישוויץ? ווען אוישוויץ? אן אלטער איד האט קאשמארן, און לאז מיך ביטע אפ ר' איד, פארדריי מיר נישט קיין קאפ מיט אזעלכע זאכן."**

איך, ווי אלע מיינע חברים אינ'ם באראק, האבן געזען די וועלט שווארצער פון שווארץ. די וועלט איז פאר אונז געווען אויס. איך האב געקלערט צו מיר, רבוש"ע פארוואס האב איך מיך געלאזט פון די פינגער געווייזאכץ פונ'ם רשע מרושע?!!! ווען איך וואלט נאר געוואוסט קלאר וואס די פינגער מיינט וואלט איך ווי פילע אנדערע געמאכט עפעס א שפיצל אנצוקומען לעבעדיג אויפ'ן צווייטע זייט מיט מיין פרוי און קינד וואס זענען נעבעך אומוויסענדיג אנגעקומען אויפן זייט פון א הייליגן טויט הי"ד."

נאכ'ן זאגן די ווערטער האט דער עלטערער איד געלאזט א טרער, און ממשיך געווען מיט זיינע ווערטער...

"איך פארשטיי דו ביסט א אינגערמאן אין ביזנעס און האסט זיך דעריבער איינגעהאנדעלט א גרויסן סעלפאון וואס מען רופט א "סמארט פאון". איך ווייס נישט פונקטלעך פארוואס, אבער אזוי איז די פאקט. איך קוק זיך צי יעדן טאג ווי דו ווארטס קוים אויף נאכ'ן דאווענען צו קענען נוצן דיין סעלפאון און איך זע ווי דו ווייזט אויך מיט'ן פינגער ארויף, אראפ, "רעכטס, לינקס", שומי שמים!!!!"

איך בין געווען ביים כינוס כלל ישראל, און אויך ביים צווייטן דא אין בארא פארק, כאטש וואס איך ווייס נישט פונקטלעך פארוואס מען איז אקעגן די אלע כלים מיט אינטערנעט, ווייל איך האבן נישט קיינע פון די כלים, אבער מיר האט מען אויסגעלערנט פון קליינוויז אן - מ'פאלגט אויס וואס עלטערע און הייליגע רבי'ס זאגן. איך בין געגאנגען נאר פאר די רבנים שליט"א, אבער דאס האב איך געהערט אז די כלים זענען פסול און טמא."

"וואס זאל איך דיר זאגן. ווען איך זע יעדן טאג ווי דו זיצט מיט אזא כלי און דו ווייזט מיט'ן פינגער "רעכטס" און ל"ע "לינקס" ברענגט עס מיר אויף קאשמארן פון אמאל. איך זע א קשר פון דעם כלי צו אוישוויץ".

"דעריבער בעט איך דיר מיט טרערן, פאלג דיינע רבי'ס וואס מיינען נאר דיין גוטס, זיי נישט קיין אויבער חכם, אז נישט וועסטו אפשניידן פונקט ווי מיר אין לאגער, אבער עס וועט זיין א חילוק פון מיין רעכטס און לינקס צו דיינס, ווייל דיר האט מען געווארענט און געווארענט!!!!"

ר' יצחק דערציילט אז נאכן פארטיגן זיינע ווערטער האט דער עלטערער איד נישט געווארט אויף אן אַנטוואָרט. ער האט זיך אויפגעהויבן מיט פארטרערטע אויגן, גענומען זיין טלית בייטל מיט'ן שטעקן און אהיים, מיר איבערלאזענדיג זיצן פארשטיינערט.

"איך האב מיר נישט געקענט צוזאמנעמען די כוחות", זאגט ר' יצחק. "דא קומט צו מיר א זיידע, אן עלטערער איד פונ'ם דור הקודם און זאגט וואס עס קומט זיך מיר מיט אזא אמת'דיגקייט און אזוי צום פינטל, אן דעם וואס ער זאל אפילו וויסן וואס די כלים טוען צו אירע באנוצער, נאר דורכ'ן זען און ציען א קשר צום רעכטס-לינקס פונ'ם שרעקעדיגן אושוויץ".

ר' יצחק זעצט פאר, "ביי מיר טוט דאס באמת אפ'הרג'ענען נישט בלויז לינקס נאר אויף ביידע זייטן, סיי רעכטס און סיי לינקס. כאטש וואס איך בין נישט אזוי צוגעבינדן דערצו אזויווי מען זעט ביי אנדערע ל"ע שפיר איך דאך ווי עס פעלט פון מיר עפעס".

און ער פירט אויס "איך האבן טאקע א שטיקל תירוץ ביזנעס אהער און ביזנעס אהין, אבער נאכן הערן די דברים היוצאים מן הלב פון דעם עלטערן איד, און קומען צום אנערקענונג ווי שנעל מען קען אנזעצן דערמיט, האב איך באשלאסן זיך מער נישט צו לאזן פון דעם נארישן רייץ נאר אנגעכאפט דעם כלי און עס אוועק געווארפן נאך יענעם טאג".

ר' יצחק פירט אויס, "איך ווייס אז איך קען טראכטן, וואס אוישוויץ? ווען אוישוויץ? אן אלטער איד האט קאשמארן, און לאז מיך ביטע אפ ר' איד, פארדריי מיר נישט קיין קאפ מיט אזעלכע זאכן.

אבער ניין, יעדער מענטש האט ביי זיך מחשבות, איך הער אזוי סאך וועגן סמארטפאון'ס, אפשר איז טאקע דער צייט איך זאל עס אפלאזן, אבער ער האט נישט דער קוראזש עס צו טוהן, ער איז פארט עדיקטעד דערצו און ער קען זיך נישט אפרייסן דערפון. אבער אז מען האט מיר פון הימל געשיקט דעם אלטער איד מעורר זיין, האב איך עס אנגענומען ווי א בת קול וואס שרייעט, לאז דיך שוין אפ איינמאל פאר אלעמאל דערפון!

און ב"ה אז איך האב געהאט די זכי' עס אויסצופירן, און נישט נאר בלייבן ביי די התעוררות."

***

מען קען זיך נישט משער זיין וואספארא נחת רוח דאס מסירות נפש פון ר' יצחק האט געמאכט פאר הקב"ה, און וואספארא כבוד שמים דאס ברענגט, ווען מען הערט און זעט ווי אידן רייסן זיך ארויס פונעם שווערן נעץ און באפרייען זיך פונ'ם עול השטותים צו קענען זיין פריי לעבוד את ה' אלקינו.

דער בוכ"ע קוקט אראפ פון הימל און שעפט הויפענס תענוג זעענדיג ווי אידן ווילן זיין גוט און געטריי צו אים, נאר דארפן דעם ריכטיגן שטיפ וואס זאל זיי געבן א שלעפ ארויס פון דעם זומפ.

ווי פאסיג איז צוצולייגן וואס הגה"צ אבד"ק וויען שליט"א האט געזאגט בצחת לשונו ביי איינע פון זיינע דרשות, איבער דעם וואס אין אנהייב ציט די אינטערנעט ווי א מאגנאט צו וואס מען ווערט נאכגעשלעפט, און ווען מען וויל זיך שוין ענדליך אפרייסן דערפון לאזט עס נישט.

האט דער רב שליט"א ערקלערט בדרך צחות, **"אז אין אנהייב איז עס בלויז א "וועב סייט", נאר א קליינע "שפּין" געוועבאכץ, אבער דערנאך ווערט עס שוין א "אינטערנעט", א שטארקע נעץ פון וואס עס איז נישט אזוי גרינג זיך ארויס צו רייסן."**

***

בת קול יוצאת בכל יום ומכרזת "שובו בנים שובבים". זאגט דער הייליגער קדושת לוי: "ובאמת כל איש ישראל זוכה לפי מדריגתו לשמוע זה הקול, וכמאמר רבותינו ז"ל (מגילה ג.) אף על גב דאיהו לא חזי מזלייהו חזי, ומזה הקול בא התעוררות תשובה לכל איש ישראל בכל יום. וזהו שאמרו רבותינו ז"ל (חגיגה טו.) חוץ מאחר, כלומר את אחר אינו מעורר זה הקול לשוב בתשובה, רק אם יתעורר מעצמו לשוב בתשובה יקבלו אותו, אבל זה הקול אינו מעורר אותו לשוב בתשובה, כי הוא היה למעלה ולא שב, לכך צריך להתעורר מעצמו בתשובה. אבל את כל ישראל חוץ כו' מעורר זה הקול לשוב בתשובה.

**טייערע אידן דער קול גייט ארויס יעדן טאג צו יעדן איד אין אלע עקן וועלט "דרייטס ענק אוועק פון די הבלי עולם הזה". אבער נישט יעדער איז זוכה עס צו הערן קלאר אזויווי דער אינגערמאן וואס דער קול איז אנגעקומען צו אים אין פאָרעם פון א איד א זקן.** דעריבער ווארט נישט ביז איר וועט באקומען א קלאפ אינ'ם פלייצע, נאר גארטעלט אייך אן, נעמטס צוזאם די כוחות, און מיט מסירות נפש לייגטס אוועק די סמארטפאונס אין א זייט. אין דעם זכות וואס אידן רייסן אוועק פון זיך שטיקער פאר'ן כבוד שמים וועט דער בוכ"ע אונז זיכער שענקן ברכות לרוב, בני, חיי ומזוני און נענטער ברענגן די גאולה וואס זאל שוין קומען במהרה.



"איך פארשטיי דו ביסט א אינגערמאן אין ביזנעס און האסט זיך דעריבער איינגעהאנדעלט א גרויסן סעלפאון וואס מען רופט א "סמארט פאון". איך ווייס נישט פונקטליך פארוואס, אבער אזוי איז די פאקט. איך קוק זיך צי יעדן טאג ווי דו ווארטסט קוים אויף נאכ'ן דאווענען צו קענען נוצן דיין סעלפאון און איך זע ווי דו ווייזט אויך מיט'ן פינגער ארויף, אראפ, "רעכטס, לינקס", שומי שמים!!!"

# ממעיני הישועה

ערציילונגען פון אידן וואס האבן געזעהן **ישועות ונפלאות** בזכות פון **שמירת עינים** און פון זיך היטן פון **טעכנאלאגיע שלא ע"פ תורה**.

"החוט המשולש": א מעשה פון דריי טיילן, וואס איז ווערד צו דערציילן.

**ערשטער עפיזאד:**

## "יענעם טאג" האט מען געטרינקען לחיים צום שידוך שליסן פון זיין עלטערע בחור!

א חשוב'ער בעל הבית פון קרית יואל - א טיכטיגער ביזנעס מאן און שיינער בעל פרנסה האט געהאט ביי זיך א "סמארט פאון" - אוודאי לצורך פרנסה. אויך האט ער געהאט ביי זיך א בחור אין די יארן - אבער א שידוך האט זיך עפעס נישט געמאכט. (זעט אויס אז געלט קען נישט אלעס קויפן...) גראדע האט מען שוין א לענגערע צייט גערעדט א שידוך, א פיינע זאך, וואס איז אים געווען צום הארצן - אבער עס האט זיך נישט געפירט.

זייענדיג איין שבת קודש אין ביהמ"ד צו שחרית האט ער באגעגנט א "בלעטל" וואס איז מעורר קעגן די שעדליכע "סמארטפאונ'ס". א התעוררות האט אים באנומען פון די אויפריכטיגע ווערטער - און ער האט אויפ'ן ארט באשלאסן אז דאס איז עס - דער סוף פון זיין "סמארטפאון". דערביי האט ער אויך באשלאסן מקיים צו זיין "ושננתם לבניך" - און ביי די שבת'דיגע סעודה האט ער געמאלדן פאר אלע בני משפחה איבער זיין פעסטע באשלוס - (אום שבת גערעדט...) אז ער איז מקבל שוין אויף מארגן צו אויפטוישן זיין "סמארטפאון" אויף א פשוטע "פליפ-פאון". וכך הוה. אומר ועושה, זונטאג האט ער שוין נישט באזיצט דעם גע'אסר'טען כלי - נאר א פשוט'ע טעלעפאן - ווען זיינע קינדער זעען מיט די אייגענע אויגן דאס מסירת נפש און אנטשלאסנקייט פון זייער טאטן.

נאך יענעם טאג האט דער שדכן וואס האט געהאט גערעדט דעם "צום הארציגן שידוך" זיך געלאזט הערן אויפ'ן טעלעפאן - יא! יענער צד איז מסכים ווייטער צו גיין! א וואך דערויף, זונטאג, האט מען שוין געפראוועט א פרייליכן "לחיים" און געוואונטשן "מזל טוב" דעם פרישע חתן כלה ומחותנים!

**צווייטער עפיזאד:**

## צוליב איין מגי"ש טוישן פופציג אידן איין זייערע סמארטפאון'ס אויף בעסיק-פאון'ס

נו, אזא וואונדערליכע פאסירונג בלייבט נישט קיין סוד - מענטשען האבן געשמועסט פון דעם געוואלדין כח און סגולה פון טון רצון ה'. און ביי א טעגליכער שיעור אין איינע פון די חשובע בתי מדרשים אין שטאט, האט דער חשוב'ער מגי"ש בטוב טעם ודעת, מלא הרגש און עקסטאז דערציילט דעם אויבנדערמאנטן מעשה (חלק א').

צולייגנדיג אז דער בעל הבית'ישער ביזנעסמאן האט באמת געהאט א גוטער סיבה צו האבן א "סמארטפאון" ער האט דאס דאך כסדר גענוצט פאר זיינע געשעפטן, און מיט דעם אלעם האט ער געהאט די דרייסט צו שטעלן זיין רוחניות פארענט פון זיין גשמיות. זיינע רייד האבן שטארק עושה רושם געווען, און דער ציבור איז באמת געווארן איבערגענומען - אזא אפענע און געוואלדיגע כח! און מיט די נאכנאנדע פעולות פונעם חשובן מגי"ש - וועלכער האט גאר שטארק מעודד געווען און כסדר גערעדט דערפון, - האט א קבוצה פון בערך 50 (!) יונגעלייט זיך מקבל געווען צו טון דאס זעלבע און האבן אויפגעטוישט זייערע "סמארט פאונס" פאר פשוט'ע "בעסיק-פאונס". דער קידוש השם איז געווען פילפאכיג! ברוב עם הדרת מלך - , און דער תוצאה פון מרבה זיין כבוד שמים האט נישט געשפעטיגט צו קומען.

[אגב איז כדי ארויסצוברענגן די געוואלדיגע כח וואס ליגט אין א מענטש, און בפרט רבנים און מגי"ש וועלכע האבן איינפלוס אויף מענטשן, אז זיי קענען גאר אסאך אויפטוהן אין די הינזיכט, און מיטן מעורר זיין אידישע קינדער טוהט מען אויף, אפילו מען זעהט עס נישט גלייך, טאר מען נישט אויפגעבן נאר האלטן אין איין רעדן דערפון.]

**דריטער עפיזאד:**

## איינגעטוישט אויף א בעסיק-פאון און ארויסגעגאנגן מיט פיל מער ריוח פון פריער

א יונגערמאן זייענדיג טרוד על המחי' ועל הכלכלה פלעגט ברענגען פראדוקטן פון טשיינע און עס ווייטער פארקויפן פאר גרויסע געשעפטן. ויהי היום - האט דער גרויסער קייט-געשעפט "וואלמארט" באשטעלט ביי אים גאר א גרויסן ארדער. דער יונגערמאן האט זיך צוזאמגעבארגט א הון רב פון אלע זיינע חברים און באקאנטע און אראפגעפארן קיין טשיינע צו באשטעלן די זאכן. (ד. ה. - געוואוינט אין טשיינע פאר איבער זעקס וואכן!) למעשה האט זיך דער ארדער פארשפעטיגט אנדערש ווי גערעכנט, און די אנשי חסד פון וואלמארט האבן אים געזאגט קלאר - אז אויב די סחורה וועט נישט זיין ביי זיי ביז די געוויסע טאג וואס מען האט אפגעשמועסט, קען ער זיך האלטן דעם גאנצן ארדער פאר זיך. דאס האט געמיינט פאר דעם איד א פינאנציעלער טויט קלאפ. למעשה איז די טאג אנגעקומען און די סחורה איז נאך געשווימען רואיג אויפ'ן וואסער. זיי האבן אים געשיקט א טרוקענע אי-מעיל אז ער האט נישט וואס צו ברענגען די סחורה.

עמוד ב' »

אויב האט איר א פערזענליכע ערציילונג וואס איר האט געזעהן א ישועה, ביטע שיקט עס אריין צו די מערכת, אדער רופט אריין און מיר וועלן עס אפשרייבן פאר אייך.

# ממנו ילמדו וכן יעשו

א בליק איבער אידן וואס ניצן **טעכנאלאגיע ע"פ תורה!**

## דער כח הקדושה האט גובר געווען און דערקענט געווארן

די מוזיק עס קלאפט, אברכים מיט שטריימל און זאקן טאנצן צום טאקט, א קלייניגקייט? א שמחה ביי אחד מבני החבורה מיט די השתתפות פון כ"ק אדמו"ר מוויזניץ מאנסי שליט"א.

פון צווישן אלע וועלכע שטיפן זיך צו כאפן א בליק אויפ'ן רבי'ן שארט זיך צו א בחור'ל צום גבאי'ן מיט א פראגע "קען איך צוגיין געבן די האנט פאר'ן רבי'ן?". "עס איז כמעט נישט מעגליך", זאגט דער גבאי מיט גרויס באדויער. "פראביר צו שטיין אויפ'ן וועג ווען דער רבי גייט ארויס פון זאל אפשר וועסטו קענען קומען נאנט און געבן די האנט".

דער בחור'ל טראכט נישט קיין צוויי, מאכט די וועג צווישן די פולע חסידי וויזניץ וועלכע פראבירן צו גרייכן דעם רבי'ן. די פלאג און מיה האט זיך אויסגעצאלט. ער קומט אן נאנט צום רבי'ן, שטרעקט אויס די האנט ווי אלע חסידים - אבער דא הייבן זיך די אויגן ברעמען פון די פולע ארימיגע, ווען דער רבי נעמט דעם האנט פונ'ם בחור צו זיך און געט אים א קיש אין האנט, אנדערש ווי דער געווענטליכע שטייגער.

ערשטוינט ביז גאר, וואס גייט די פאר, פרעגן אלע ארימיגע מיט וואונדער? "איך דריי מיר שוין לאנגע יארן ביים רבי'ן, איך האב נאך אזוינס קיינמאל נישט בייגעוואוינט", מורמלט דער גבאי פאר די איבערראשטע ארימיגע.

א קורצע חקירה ודרישה האט אבער אלעס אנטפלעקט. עס דערציילט דער רב פונ'ם בחור – הארט בעפאר'ן גיין צום חתונה האט דער בחור זיך געשטעלט דאווענען מעריב. זייענדיג אריין געטון אין תפילה האט אים אן התעוררות באנומען - נאכ'ן אויסטרעטן האט דער בחור מיט ציטערדיגע הענט אריין געשטעקט די הענט אין טאש, ארויס גענומען פון דארט א פארבארגענע סמארטפאון, און מיט א שטארקייט זיך געזעגענט דערמיט אויף אייביג, נאכ'ן כאפן איין לעצטן בליק אינעם מיסט קאסטן וואו עס איז געלעגן אלץ שטומע עדות צו זיין העלדישער טאט.

זקני חסידי וויזניץ טוען אנמערקן אז זיי האבן נישט קיין צווייטע ערקלערונג צו די אומגעווענטליכע באנעמונג פונ'ם רבי'ן, בלויז דורך ציען א שטריך צו די געוואלדיגע מסירות נפש פון דעם בחור.

(געהערט פון א באטייליגטער)

**צו הערן טעגליך א געשמאקע שיעור פון 5 מינוט אין שמירת עינים רופט:**

**718-362-8845**

**בקשה לכל בני ישראל!**
אויב האט איר א פערזענליכע ערציילונג, אדער סיי וועלכע מאמר/קונטרס/ארטיקל/דרשה בנוגע שמירת עינים אדער טעכנאלאגיע, ביטע פארבינדט אייך מיט די מערכת. **ויהא חלקו ממזכי הרבים!**

**בתי מדרשים!**
אויב קומט נישט דער גליון אן אין אייער ביהמ"ד, רופט אריין צו די מערכת און מיר וועלן אייך שיקן גליונות.

**אברכים! בחורים!**
ווערט א שליח אין אייער ישיבה/כולל/ביהמ"ד צו פארשפרייטן די "אור עינינו", רופט אריין צו די מערכת און מיר וועלן אייך אפשיקן גליונות אין די מעיל.

**אומשאצבארע זכותים בזה ובבא!**
דער גליון ווערט פארשפרייט אין **טויזנטער עקזעמפלארן** אין אלע **חרדישע געגנטער**, עס **קאסט אפ גאר אסאך געלט**
העלפט אונז אנגיין מיט די הייליגע ארבייט! זייט מזכה את הרבים! לע"נ אייערע נאנטע! פאר אייך א זכות! השפעות טובות! פרנסה! נחת!
**רופט** (845) 459-5645
מיר נעמען אן קרעדיט קארד אדער פעי-פאל
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו!

הגליון יוצא לאור ע"י **מפעל 'עינינו'** להרבות פעלים בחיזוק ועידוד נגד פגעי הטעכנאלאגיע
Eineini Org - 1274 49th St. #166, Brooklyn, N.Y. 11219
Tell: (845) 459-5645 - Fax: (845) 678-3343 - EineiniOrg@gmail.com
צו באקומען די גליון, ביטע רופט אריין אדער שיקט א פעקס - *Please make checks payable to:* Eineini